# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | ל"ג בעומר | שנת תשע"א לפ"ק

## ציצים ופרחים

במס' ברכות (דף כ"ז ע"ב) ת"ר מעשה בתלמיד א' שבא לפני ר' יהושע א"ל תפילת ערבית רשות או חובה, א"ל רשות, בא לפני ר"ג א"ל תפילת ערבית רשות או חובה, א"ל חובה, א"ל והלא ר"י א"ל רשות, א"ל המתן עד שיכנסו בעלי תריסין לביהמ"ד, כשנכנסו בעלי תריסין עמד השואל ושאל תפילת ערבית רשות או חובה, א"ל ר"ג חובה, א"ל ר"ג לחכמים כלום יש אדם שחולק בדבר זה, א"ל ר"י לאו, א"ל ר"ג לר"י יהושע עמוד על רגליך ויעידו בך, עמד ר"י על רגליו ואמר אלמלא אני חי והוא מת יכול החי להכחיש את המת, ועכשיושאני חי והוא חי האיך יכול החי להכחיש את החי, ולבסוף מסיים הגמרא ואותו תלמיד רשב"י הוה.

ויש לדייק מפני מה השיב ר' יהושע להתלמיד רשות ובבית המדרש כששאל אותו רבן גמליאל אמר חובה, גם דברי ר"י אלמלא אני חי והוא מת יכול החי להכחיש את המת וכו' היא פליאה נשגבה וכי ח"ו שקר היה עונה בו, ועוד יש לדייק במה שמסיים הגמ' ואותו תלמיד ר' שמעון בן יוחאי הוה, ולמה לא השמיענו מיד בתחילתו מעשה בר' שמעון בר יוחאי.

שמעתי מאדמו"ר **גאון ישראל וקדושו מרן מסאטמאר זצוק"ל** (בעל דברי יואל זללה"ה) פירוש נפלא על זה דהנה בספר **מגלה עמוקות** כתב דמה שאמר הקב"ה למשה (פר' ואתחנן) רב לך אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה, היינו משום שאילו היה משה מתפלל עוד תפילה אחת נוספת אז היה מוכרח לפעול בתפלה זו שיכנס לארץ, והקב"ה שראה שאין טובה בדבר שיכנס לארץ א"ל רב לך.

והנה מבואר במס' **כתובות** (דף קי"א ע"א) שהשביע הקב"ה את ישראל שלא ידחקו את הקץ, ופירש רש"י שלא ירבו בתחנונים יותר מדי. ואיתא במס' בבא מציעא (דף פ"ה ע"ב) אליהו הוה שכיח במתיבתא דרבי, יומא חד ריש ירחא הוה נגה ליה ולא אתא, א"ל מ"ט נגה לי' למר, א"ל אדאוקימנא לאברהם ומשינא ידיה ומצלי ומגנינא ליה וכן ליצחק וכן ליעקב, ולוקמינהו בהדי הדדי, סברי תקפי ברחמי (מרבין בתפלה, רש"י) ומייתי לי' למשיח בלא זמניה (לכן אין ניתן לי רשות להעמידן יחד) א"ל ויש דוגמתן (שתהא תפילתן נשמעת) בעולם הזה, א"ל איכא רבי חייא ובניו וכו' למדנו מזה שבכל דור ודור היו יחידי סגולה קדושי עליון במדריגה זו שתפילתם היתה מכריח להביא משיח בלא זמניה.

ואיתא במדרש ובספרים הקדושים ויפגע במקום שראה החורבן והגלות ועל כן תיקן תפילת ערבית הרומזת על ליל הגלות כדי להתפלל על הגאולה האחרונה, ויעקב אבינו בחיר האבות היה גדול כל כך שאילו היה מתקן את תפילתו לחובה היתה מכריח למייתי למשיח בלא זמניה ולדחוק את הקץ, ולכן התקין אותה רשות.

ואיתא במדרש ובספרים הקדושים ויפגע במקום שראה החורבן והגלות ועל כן תיקן

## מעשה רב

### תהי ידך על איש אמונך

**ווען דער רבי בעל דברי יואל זיע"א איז געווען אין ארץ ישראל דאס ערשטע מאל, בשנת תרצ"ב לפ"ק, זייענדיג רב אין קראלי, איז ער געפארן זיך משטתח זיין אויף די מקומות הקדושים אין גליל, אין מירון, צפת, טברי', אויף א נסיעה וואס האט געגומען עטליכע וואכן, ווי דער רבי האט פארברענגט מיט א גרויסע עבודה אויף די אלע פלעצער, און עס איז מיט אים מיטגעפארן א גרופע פון די געהויבענע בני עלי' פון די נקיי הדעת אין ירושלים עיר הקודש.**

**צווישן די באטייליגטע אויף די נסיעה איז געווען הגה"צ רבי עמרם בלוי זצ"ל פון די גרויסע צדיקים און עובדי ה' אין ירושלים עיה"ק, און דער ראש הלוחמים קעגן די ציונים און זייערע נאכשלעפער. רבי עמרם איז אין יענע צייט שטארק נתפעל געווארן פונעם רבי'נס הייליגע עבודה, און ער איז שוין פון דאן אן געבליבן דבוק אינעם רבי'ן ביז זיין לעצטן טאג.**

**רבי עמרם זצ"ל פלעגט דערציילן מיט התרגשות אז זייענדיג אין מירון במשך א וואך צייט אינאיינעם מיטן רבי'ן איז ער איינגעשטאנען מיטן רבי'ן אינאיינעם אין א האטעל.**

איינמאל אינמיטן די נאכט וועקט ער זיך אויף און ער זעהט אז דער רבי געפונט זיך נישט אין צימער, ער האט זיך שטארק דערשראקן נישט וויסנדיג וואו דער רבי קען זיך יעצט געפונען באישון לילה איז ער ארויסגעגאנגען זוכן דעם רבי'ן אין די נאכט פינסטערניש, ביז ער איז אריינגעגאנגען אין די מערה פון רבן שמעון בר יוחאי, און ער האט ענדליך געטראפן דעם רבי'ן איין איינציגער אינעם גאנצן אוהל, ליגן אויסגעצויגן בפישוט ידים ורגלים אויפן קבר פון רשב"י ווען כל כולו איז צופייערט און צוקאכט נישט באמערקענדיג אז עמיצער איז אריינגעקומען אין אוהל.

ער הערט ווי דער רבי זאגט מיט א געוואלדיגע דביקות אומצאליגע מאל דעם פסוק "**תהי ידך על איש ימינך על בן אדם אמצת לך ולא נסוג ממך תחיינו ובשמך נקרא**" מיט געוואלדיגע בכיות און השתוקקות געגועין וכיסופין וואס דאס אליין האט געדויערט אנדערטהאלבן שעה.

זעהנדיג דאס בילד פון דעם רבי'נס הייליגע עבודה אינמיטן די נאכט, איז ער דערציטערט געווארן צו זעהן דאס גדלות און די באהאלטענע עבודה פון רבי'ן.

◈

# מילי דבי הילולא!

## בעניניא דיומא

*

### איבער פארן ל"ג בעומר קיין מירון

הרה"ק ר' חיים וויטאל זי"ע דער גרעסטער תלמיד פון אריה"ק שרייבט אז זיין רבי דער אריה"ק פלעגט ארויפגיין קיין מירון מיט אלע תלמידים, און ער האט דארט געמאכט פיאות פאר זיין קינד.

דער בני יששכר שרייבט אז 'שמעתי מאנשי אמת' אז די שמחה אין ל"ג בעומר אויפן ציון פון רשב"י איז למעלה מדרך הטבע.

אין דרשות חתם סופר (בהספד על הרוגי צפת תקע"ט, עי' בחת"ס פר' אמור, ובתשו' יו"ד סי' קל"ג) מאכט ער אוועק דאס ענין פון די שמחה און ער טענה'ט אז הילולא פון א צדיק איז נישט קיין יום שמחה, אפי' דאס וואס ל"ג בעומר ווערט אנגערופן "יומא

תפילת ערבית הרומזת על ליל הגלות כדי להתפלל על הגאולה האחרונה, ויעקב אבינו בחיר האבות היה גדול כ"כ שאילו היה מתקן את תפילתו לחובה היתה מכריח למייתי למשיח בלא זמניה ולדחוק את הקץ, ולכן התקין אותה רשות, ועכשיו שאין מכוונים כ"כ ואין בדורות האחרונים בעל בחינה כזו על כן קבעו עליהם חובה.

ונקדים עוד מה שאיתא במס' סוכה (דף מ"ה ע"ב) אמר רשב"י ראיתי בני עלי' והם מועטים, אם שנים הם אני ובני הם, ומבואר בזוה"ק שרשב"י היה גדול כמשה רבינו שתפילתו היתה מכריח. ואיתא בנועם אלימלך (באגרת הקדש) שהצדיקים כל זמן שהם בחיים חיותם אינו מתגלה ערך גדולתם באמיתי עד לאחר פטירתם.

והשתא אתי שפיר דכששאל רשב"י לר"י **תפלת ערבית רשות או חובה השיב לו ר"י רשות**, דר' יהושע ידע גדלות מדריגתו של ר' שמעון בן יוחאי ואילו היה אומר לו **חובה** היתה תפלתו מוכרחת ומביא למשיח בלא זמני', אבל כששאל רבן גמליאל בבית המדרש בין המון התלמידים **יש מי שחולק בדבר זה**, שפיר א"ל ר' יהושע **לאו** דבאמת רק לגבי רשב"י הוא רשות, אבל לכולי עלמא שאין תפילתן מוכרחת הוא חובה, וכשאמר לו רבן גמליאל **הרי משמך אמרו לי רשות**, השיב ר' יהושע **אילו אני חי והוא רשב"י מת**, אז הייתי רשאי לגלות את גודל מדריגתו אשר מה"ט אמרתי לו רשות, אבל **עכשיו שהוא חי** אינני יכול לגלות טעמי ונימוקי כדי שלא לגלות את מדריגתו הגדולה בחיים חיותו, ומהאי טעמא אמרו **מעשה בתלמיד א'**, כי בעת שאירע המעשה היה רשב"י באתכסיא כדי שלא לגלות מדריגתו הגבוהה, אבל בעת שסידרו את הש"ס, שכבר היתה נשמת רשב"י בגן עדן, אז שפיר גילה הש"ס שאותו תלמיד ר' שמעון בן יוחאי הוה, עכדה"ק ודפח"ח וש"י (תולדות חיים, להרה"ג ר' חיים מאיר ברוין זצ"ל, פ' ויצא).

◈

**בר יוחאי ולשדה תפוחים וכו' סוד תורה כציצים ופרחים נעשה אדם נאמר בעבורך:**

דער הייליגער **ישמח משה** זי"ע טייטשט דעם פסוק (פרשת בראשית) **נעשה אדם בצלמינו ובדמותינו**, אז וועגן דעם האט הקב"ה געזאגט נעשה מיט א לשון רבים, ווייל ווען א מענטש ווערט באשאפן איז ער נאכנישט אינגאנצן פערטיג צו דעם ציל אויף וואס ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט, נאר נאכדעם וואס ער וועט לעבן אויף די וועלט, און ער וועט זיך אויסארבעטן זיינע מידות אז ער זאל צוקומען צום ריכטיגן שלימות, דעמאלטס ווערט ער אינגאנצן פארטיג, וועגן דעם האט דער אייבערשטער געזאגט **נעשה אדם**, ווייל דער אייבערשטער טוט נאר דעם ערשטן חלק פון באשאפן דעם מענטש, אבער דעם צווייטן חלק וואס פעלט אויס אז דער מענטש זאל זיך אליין אויסארבעטן און משלים זיין צום ריכטיגן שלימות, דאס געהער שוין טאקע פארן מענטש אליין, וועגן דעם שטייט א לשון רבים עכת"ד.

דער הייליגער **דברי יחזקאל** זי"ע זאגט פארוואס ווען עס איז די יארצייט פון מרע"ה ז' אדר זענען דא מענטשן וואס פאסטן, און ביי די יארצייט פון רשב"י איז אזא געוואלדיגע שמחה. דאס איז ווייל משרע"ה האט נישט געענדיגט זיין שלימות אין די יארן וואס ער האט געלעבט, ווי חז"ל זאגן אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא, און ביז משיח צדקינו וועט קומען וועט זיך נישט ענדיגן זיין עבודה, וואס יעדער צדיק טוט ממשיך זיין.

משא"כ רשב"י איז אראפגעקומען אויף די וועלט כדי מגלה זיין סתרי תורה, און מיטן מגלה זיין די סודות התורה האט ער משלים געווען זיין ציל אויף די וועלט, דעריבער איז דוקא ביי זיין יארצייט אזא שמחה. עכתד"ק.

מיט דעם האט **כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זלה"ה** געטייטשט (אין מירון בשנת תשל"א לפ"ק) דעם פיזמון **בר יוחאי ולשדה תפוחים וכו' סוד תורה כציצים ופרחים**, אז רשב"י האט מגלה געווען סודות התורה און גע'דרש'עט דערויף וואונדערליכע סודות, וואס דורך דעם האט ער דערגרייכט צום שלימות צו וואס ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט, וועגן דעם **נעשה אדם** דאס וואס השי"ת האט געזאגט **נעשה אדם** לשון רבים וואס ווייזט אז דער מענטש איז א שותף מיט הקב"ה אין זיין בריאה צוליב דעם וואס ער דארף זיך אליין משלים זיין אויף די וועלט, **נאמר בעבורך** איז געזאגט געווארן וועגן ר"ש וואס ער איז צוגעקומען צו די מדריגה פון משלים זיין דעם תפקיד צו וואס ער איז באשאפן געווארן.

◈

**שתולים בבית ה' בחצרות אלקינו יפריחו:** דער **שינאווער רב זצ"ל** ברענגט אז **ש'תולים ב'בית י' איז ר"ת ש'מעון ב'ן י'וחאי,**

**כ"ק מרן רבינו שליט"א** איז מסביר דעם שייכות לויט ווי עס איז ידוע אז רשב"י איז געווען זייער גרויס סיי אין תורת הנגלה און סיי אין תורת הנסתר. אין ספה"ק **נועם מגדים** (פר' בראשית) איז מאריך אז תורת הנגלה איז צוגעגליכן צו לילה, און דאס לערנט מען בעולם הזה. און תורת הנסתר איז צוגעגליכן צו יום און דאס לערנט מען לעולם הבא. קומט אויס אז רשב"י וואס איז געווען גרויס סיי אין נגלה און סיי אין נסתר, איז געווען גרויס סיי בעוה"ז און סיי לעוה"ב.

אין **משניות** מס' אבות שטייט אז עולם הזה איז גלייך צו א פרוזדור, א פארצימער, צו עולם הבא.

דאס זאגט די פסוק **שתולים בבי"ת ה'** אז רשב"י איז געווען גרויס אין **בית ה'** וואס דאס איז עולם הבא מיט תורת הנסתר, און אויך **בחצרות** אלקינו, וואס דאס איז דער פארצימער צום עולם הבא, וואס דאס איז עולם הזה, וואו מ'לערנט תורת הנסתר.

◈

**צדיק יסוד העולם וגו' יכול לפטור העולם, אדונינו בר יוחאי:**

דער **בינת יששכר** זאגט א הערליכער פשט פארוואס דוקא רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט "יכולני לפטור את כל העולם מן הדין".

ווייל די גמ' זאגט אין פרק חלק אז די גוף און די נשמה קענען זיך ביידע פטר'ן פונעםדין, די גוף טענה'עט אז די נשמה האט געזינדיגט, והא ראי' ווייל ווי נאר די נשמה גייט ארויס פונעם גוף ליגט דער גוף ווי א אבן דומם און קען מער נישט זינדיגן, און די נשמה זאגט אז דער גוף האט געזינדיגט, והא ראי' ווי נאר די נשמה גייט ארויס פונעם גוף פליעט זי ארויףאון זינדיגט מער נישט, מה עושה הקב"ה ער שטעלט זיי ביידע צוזאמען און ער משפט זיי אינאיינעם.

זאגט דער **יפה תואר** אז די טענה פון די גוף און די נשמה איז עפ"י דין ווייל וויבאלד איינער אנעם צווייטן קען נישט זינדיגן אליין, האט דאס דאך אן הלכה ווי "**שנים שעשו מלאכה אחת בשבת**", וואס דאס איז א מחלוקה אין די גמרא אין מס' שבת (דף צ"ג ע"א) און רבי שמעון האלט אז ווען איינער אליין קען דאס נישט טון איז מען פטור, קומט אויס אז ר' שמעון לשיטתי' האלט אז ווען ביידע צוזאמען האבן געטון די עבירה איז מען פטור, ממילא קען ר' שמעון זייער גוט פטר'ן די וועלט מן הדין.

---

דהילולא", אז איז אבער נאר פאר די נשמה פונעם צדיק, אבער מיר וואס זענען געבליבן פאר'יתומ'ט אויף די וועלט וואס האבן מיר זיך צו פרייען.

איינמאל ווען דער **רבי בעל דבר"י** זי"ע איז געזעסן ביי א סעודת ל"ג בעומר (תשי"א) האט ער אנגעהויבן צו רעדן מיט א מורא'דיגע התרגשות פון ל"ג בעומר אין מירון, ווען ער איז דארט געווען בשנת תש"ו, און דער רבי האט דערציילט ענינים פון די גרויסע שמחה ל"ג בעומר אויפן ציון פון רשב"י. האט איינער פון די רבנים געפרעגט דעם רבי'ן "דער חתם סופר מאכט דאך דאס אוועק?"

האט דער רבי געזאגט "דער **חתם סופר** זי"ע איז קיינמאל נישט דארט געווען, איך קלער אז ווען ער וואלט ווען דארט געווען, וואלט ער דאס נישט געזאגט, אזוי אויך אנדערע צדיקים וואס האבן זיך אויסגעדריקט קעגן די שמחה אין מירון זענען קיינמאל נישט דארט געווען".

אין ספה"ק **על הגאולה ועל התמורה** (אות ק"ז) שרייבט דער רבי "ודכירנא שלפני חמישים שנה בערך כשפשתה מספחת המופקרים בא"י ובאו חלוצים מנוערים מן המצוות והרבו פרצות ופריצות אצל קבר רשב"י במירון, אירע נורא שהקומה העליונה נפלה ונהרגו הרבה תלמידי חכמים מסלתה ומשמנה של הקהלה החרדית בארץ ישראל, ה' ישמרינו. והחכמים שבימים ההם התבוננו שהוא עונש וחרון אף עבור הפירצות הנוראות, ועשו חרם על משך חמש שנים למנוע ההליכה על הציון הנזכר, כי לא רצו לבטל ולעקור לחלוטין המנהג, שכבר היה מנהג ישן נושן בא"י לילך על ציון התנא רשב"י, וע"כ אחרי ככלות הכל חמש שנים חזר המנהג לקדמותו, וגם אח"כ היראים חדלו ונמנעו הרבה מהם, ונתמעטו מספר ההולכים לציון רשב"י לפי שנעשתה אסיפת פריצים בעוה"ר".

ווייטער דערציילט דער רבי איבער זיין אייגענע באזוך אין מירון "וזכור אני כשהייתי בא"י לפני רבות בשנים הלכתי על יד הציון בל"ג בעומר לעת ערב, כי בכל היום לא היה אפשר לילך שם מפני רבוי המתפרצים, ולעת ערב לא מצאתי שם מהיראים כי אם מעט מזעיר".

דער רבי פירט אויס זיינע ווערטער בנוגע דאס גיין היינט צוטאגס קיין מירון "בהליכה למירון לא ניתוסף שום זכות וחיזוק למינים, שהרי לא היה נמנע האפשרות לגשת שמה בכל השנים ההלו, ולא כיבושם גרם זכות ההליכה והקריבה שמה, ע"כ אין לדמותו לשאר המקומות".

## מילי דרמיזא

**שמעון** - ע'יר ו'קדיש מ'ן ש'מיא נ'חית (ליקוטי מוהר"ן בהקדמה).

**שמעון** - בגי' עול"ם היציר"ה (הילולא רבא דף קמ"ו)

**שמעון** - בגי' כס"א שכינ"ה (שם).

**א'ור ת'ורת ר'בי ש'מעון ב'ר י'וחאי** - ר"ת בראשי"ת (אגרא דכלא צירופי בראשית).

**מ'תורת ר'בי ש'מעון ב'ן י'וחאי** - ר"ת **מבשר"י** אחזה אלוקי (בית אהרן קארלין).

**ר'בי ש'מעון ב'ן י'וחאי** - ר"ת לבי **ובשר"י** ירננו אל קל חי (בשם הרה"ק מראזוואדאב זצ"ל בס' משוש כל הארץ דף קפ"ד).

**תנא רבי שמעון בן יוחאי** - בגי' פקודי ה' ישרים משמחי לב (צבי לצדיק).

**תנא רבי שמעון בן יוחאי** – בגי' פש"ט רמ"ז דרו"ש סו"ד (שם).

**רבי שמעון בן יוחי** - בגי' ידיד נפש אב הרחמן (הרה"ק ר' הערשעלע זידיטשוב'ער זי"ע מובא בס' משוש כל הארץ דף רנ"א).

**שמעון** (עם האותיות) - בגי' נעשה אדם עה"כ (ביאור השיר בר יוחאי דף ס"ד).

**שי"ן מ"ם עי"ן וי"ו נו"ן** – בגי' קדוש מרחם (הילולא רבא דף כ"א ע"א).

**שי"ן מ"ם עי"ן ו"ו נו"ן** – בגי' זכר צדיק לברכה (הילולא רבא דף קצ"ב).

**שמעון בן יוחאי** - בגי' מחיה מתים (שעי"ש ט').

**רבי שמעון בן יוחאי** - בגי' מי עלה השמים (ויהי אמרי נועם, ל"ג בעומר בסופו).

**מירון** – ס"ת **ועל'ו מושיע'ים בה'ר צי'ון** (בשם הרה"ק משאמלוי זצ"ל. בס' כוחו דרשב"י מזל אמר קרא בסופו)

# בפרדס היום

## במעלת היום ל"ג בעומר

ווען דער הייליגער **רבי אברהם קאליסקער זי"ע** פלעגט זיך טובל'ען ל"ג בעומר אינדערפרי, האט ער אויסגערופן מיט גרויס התלהבות "הריני מקבל עלי קדושת היום".

עס ווערט געברענגט אין נאמען פון **הגה"ק דער שר שלום פון בעלזא** זי"ע, אז ל"ג בעומר איז אזוי גרויס ווי יום כיפור. דער הייליגער **רבי ר' ברוכ'ל מעזעבוז'ער זי"ע** האט זיך נוהג געווען צו מאכן א סיום אויפן **זוהר הקדוש** אין ל"ג בעומר, דערנאך האט ער גענומען דעם זוהר אין די האנט, און ער האט דאס ארומגענומען אפאר שעה, און עס געקושט, זאגענדיג "איך קען דיך, און דו קענסט מיך". איינמאל האט ער זיך אנגערופן "אויב מיין זיידע דער בעל שם טוב איז געווען ווי רבן שמעון בר יוחאי, בין איך רבי אלעזר בן רבי שמעון".

איינמאל ביי די הקפות פונעם **קאזניצער מגיד** איז געווען א מוראדיגע התלהבות, און ער האט געזאגט אז דאס איז וויל זיין טאטע ר' **שבתי איינבינדער**, זיצט אין גן עדן אינעם היכל פון יוחאי דער פאטער פון רבי שמעון. ווען עס איז געווען ל"ג בעומר האט **ר' שבתי** געבעטן **יוחאי** זאל אים מיטנעמען צו די גרויסע שמחת הילולא פון זיין זון רבי שמעון, האט ער מסכים געווען בתנאי אז ר' שבתי זאל אים מיטנעמען צו די הקפות פון זיין זון דער **קאזניצער מגיד**.

האט דער מגיד געענדיגט "צוליב דעם איז יעצט געווען אזא גרויסע התעוררות, וויל מיר האבן דא געהאט אזעלכע חשוב'ע געסט, מיין טאטע ר' שבתי מיט יוחאי דער פאטער פון רבי שמעון". אינטערעסאנט איז אז **ר'בן ש'מעון ב'ן י'וחאי**, איז די זעלבע אותיות ווי **ר'בי י'שראל ב'ן ש'בתי**.

עס ווערט געברענגט אין ספר **משוש כל הארץ**, אז **הרה"ק ר' משה ראזווארדאווער** זי"ע, האט געזאגט "קיין שום טאג אין יאר איז מיר נישט אזוי גוט ווי דער טאג ל"ג בעומר". איינמאל ל"ג בעומר פארנאכטס האט ער געזאגט א שאד אז די זון גייט שוין אונטער, הלואי וואלט איך געהאט די מעגליכקייט אפשטעלן די זון אויף אביסל, לכבוד די הייליגקייט פון דעם טאג".

דער הייליגער **בני יששכר** זאגט "עס האבן מיר געזאגט אנשי אמת, אז די שמחה פון ל"ג בעומר ביים ציון פונעם הייליגן **תנא רבן שמעון בר יוחאי** איז א שמחה שלא כדרך הטבע.

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו הוא ימליץ טוב בעדינו אדונינו בר יוחאי!**